**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 03/02/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די פאראנאנסירט פון $3 מיליאן פאר קליינע ביזנעס גרענטס אין מזרח בופאלא**

***$5,000 ביז $50,000 גרענטס וועלן זיין צו באקומען פעברואר 3 פאר קליינע ביזנעסעס אין דעזיגנירטן שטח פון מזרח בופאלא נאכן ראסיש-מאטיווירטע מאסן מערדער אין מאי 2022***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז עס זענען פאראן אפליקאציעס פאר מזרח בופאלא קליינע ביזנעס אויסקער-קאפיטאל גרענט פראגראם פון פעברואר 3 ביז פעברואר 17. די $3 מיליאן פראגראם וועט צושטעלן גרענטס פון $5,000 ביז $50,000 צו פאסיגע ביזנעסעס אין א דעזיגנירטע געגנט פון מזרח בופאלא צו העלפן בעיקר מינאריטעט-אייגענע ביזנעסעס וואס כאפן זיך צוריק פון די סאציאלע און עקאנאמישע אימפאקט פון די מאסן שיסעריי אין א טאפ פרענדלי מארקעט אויף דזשעפערסאן עוועניו לעצטע יאר. די לאקאלע איניציאטיוון שטיצ-קארפאראציע - ניו יארק וועט אנפירן מיט דער פראגראם אין נאמען פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג. פאסיגע ביזנעסעס קענען איינגעבן פאראויס-אפליקאציעס [דא.](#) פאר מער אינפארמאציע וועגן דער פראגראם, ווי אויך פאסיגקייט, און אפט געפרעגטע פראגעס, קליקט [דא](#).

"דער מזרח בופאלא קליינע ביזנעס אויסקער-קאפיטאל גרענט פראגראם איז דער לעצטער שריט אין דער סטעיטס לאנג-טערמיניגע התחייבות אויפצוהייבן די קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלץ א געבוירענע און אויפגעהאדעוועטע מערב ניו יארקער, האב איך אליין געזען מיט מיינע אויגן די שטארקייט, פעסטקייט און דאס פייער וואס לויפט דורך די קאמיוניטי. יעצט, אדרעסירן מיר צענדליגע יארן פון אומאינוועסטירונג און נאכלעסיגקייט דורך פראגראמען אזוי ווי די קליינע ביזנעס אויסקער-קאפיטאל גרענט פראגראם צו העלפן בעיקר מינאריטעט-אייגענע ביזנעסעס אין מזרח בופאלא צו ווייטער באדינען איינוואוינערס און א רוק טאן זיך פאראויס צו א נייעם וועג פאר דעם ראיאנס עקאנאמיע."

**אן עלטערע עקזעקוטיווע דירעקטארין פון LISC NY, וואלערי ווייט האט געזאגט,** "דער יסוד פון אלע איניציאטיוון פאר LISC NY זענען קאנצענטרירט ארום די פרינציפן פון באוואוסטזיניקע און עפעקטיווע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי פראגראמען וואו ניו יארקער נייטיגן זיך צום מערסטנס. מזרח בופאלא איז געווען אויסערגעוויינטלעך אפעקטירט לעצטנס ביי אינעווייניגע-טעראר, און שווערע, אנאויפהערנדיגע קלימאט עמערדזשענסיס. די באטייטיגטע אינוועסטירונג פאר די מענטשן און לאקאלע עקאנאמיע פון מזרח בופאלא,NY וועט בענעפיטן דירעקט די לאקאלע קליינע ביזנעסעס וואס מאכט שוין א קאנצענטרירטע אימפאקט אין דער קאמיוניטי. מיר לויבן גאווערנער האקול פארן אנערקענען די נייטיגקייט פון פארשידענע סארטן קליינע ביזנעסעס אייגנארטיק צו ראיאנען פון דער סטעיט און יענע צווישן קאמערציעלע קארעדארן אין מזרח בופאלא. מיר קוקן זיך אויס צו ארבעטן ביינאנד מיט עמפייער סטעיט אנטוויקלונג צו אדמיניסטרירן די צענטראלע גרענט פראגראם פאר די מענטשן אין מזרח בופאלא, פארשטארקן די שדרה פון דער תכלית'דיגע קאמיוניטי - פארשטארקן און אנטוויקלען דעם בארימטן ראיאן פאר די קומענדיגע דורות."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרזידענטקע, CEO און קאמישאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "דער שרעקלעכער אקט פון דעם פאראנגענעם מאי וועט נישט אפצייכענען די קאמיוניטי פון מזרח בופאלא, אויך נישט קאליע מאכן איר שטארקייט און גייסט. מיט $3 מיליאן אין געצילטע אויסקער-קאפיטאל גרענטס צו העלפן פאסיגע קליינע ביזנעסעס דעקן די קאסטן פון אפעראציע, נעמט אן ניו יארק סטעיט נאך טריט צו פארזיכערן די געגנטס רוב מינאריטעטן-אייגענע אונטערנעמונג צו האבן די שטיצע וואס זיי נייטיגן זיך צו דינען דער קאמיוניטי."

די מזרח בופאלא פראגראם געגנט איז באגרענעצט ביי די פאלגנדע גאסן/שוסייען: NYS Route 33, NY Route 198, Main Street, North Street, Michigan Avenue און Goodell Street. זעט די מאפע פון דער פאסיגער געגנט [דא](). גרענטס וועלן זיין צו באקומען לויט א פאסיגע ביזנעס' דאקומענטירטע בראטא יערלעכע הכנסות.

צוויי פון LISCs פארטנער ארגאניזאציעס, דער אויסטויש אין בעווערלי גרעי, און דער פאונדרי, שטעלן צו ממשות'דיגע הילף פאר ביזנעס אייגנטימערס וואס נייטיגן זיך. אויב ביזנעסעס דארפן האבן הילף צו סקענען דאקומענטן, האבן צוטריט צו א קאמפיוטער, אדער אויספילן פאפירן, קענען זיי באזוכן דעם אויסטויש אדער דער פאונדרי אין זייער גרענט אפליקאציע הילף אפיס שעה'ן:

1 ***The Exchange at Beverly Gray***
E. Utica Street, Buffalo, NY 14208334
דינסטאגס און מיטוואך'ס 10 צופרי ביז 1 מיטאג
דאנערשטאגן פון 1 מיטאג ביז 4 נאכמיטאג

2. ***The Foundry***
298 Northampton Street, Buffalo, NY 14208
מאנטאגן פון 6 ביז 9 ביי נאכט
שבתים פון 9 צופרי ביז 1 מיטאג

אויב ס'איז נייטיג, קען מען באקומען איבערזעץ סערוויסעס דורך דער אינטערנאציאנאלע אינסטיטוט.

א פובליק אינפארמאציע סעסיע וועט צו שטאנד קומען ביי בופאלא באשעפטיגונג טרענירונג צענטער דינסטאג, פעברואר 7, פון 10 צופרי ביז 12 מיטאג אין 77 Goodell Street. נאך א וועבינאר וועט ווערן געהאלטן פעברואר 9, 5:30 נאכמיטאג, אויפגענומען ביי בעווערלי גרעי. פאר מער אינפארמאציע וועגן דער וועבינאר און רעגיסטראציע קליקט [דא]().

אלץ טייל פון איר דזשונטינט מעלדונג אלץ אפרוף צו דעם מאי 14, 2022, ראסישע מאטיווירטע מאסן מערדער פון 10 מענטשן אין א טאפס פרענדלי מארקעטס אין דער דזשעפערסאן עוועניו ביזנעס דיסטריקט אין מזרח בופאלא, האט גאווערנער האקול זיך מתחייב געווען צו מאכן $50 מיליאן אין קאמיוניטי אינוועסטירונגען אין הייזער, ביזנעס און אנדערע סארטן פארלייכטערונגען צו באקומען. די מזרח בופאלא קליינע ביזנעס אויסקער-קאפיטאל גרענט פראגראם איז טייל פון דער אינוועסטירונג.

אנדערע אינוועסטירונגען וואס שטאמען פון דער מעלדונג זענען כולל א ממשות'דיגע קאמיוניטי-געפירטע איניציעטיוו פון צוגאנג צו עסנווארג וואס האט צו טאן מיט הילף פאר א נייע אפריקאנער אפשטאם עסנווארג קאאפ פראיעקט און פארשפרייטן אומזיסטע איינוואוינער טראנספארטאציע סערוויסעס אין דעם ארומיגע געגנט פון טאפס פאר נאך עסנווארג אפציעס; קליינע ביזנעס פאסאד/קאפיטאל הילף פראגראמען אין מזרח בופאלא ביזנעס דיסטריקטס; שטיצע פאר פאסטן טרענירונג באמיאונגען אזוי ווי גודוויל'ס נייע גודסקילס קאריערע בויער אפיס אויף דזשעפערסאן עוועניו; און צענדליגע מיליאנען צו

פארמיידן פארלירן דאס הויז, שטוב-פאררעכטונג הילף, און צוטריט צו קאפיטאל פאר ערשטע-מאל היים קויפערס.

די אלע זענען עקסטערע צו גאווערנער האקולס מזרח בופאלא אונטערנעמונגען אונטער דער רעגיאנאלע ווידער-אויפלעבונג שותפות געמאלדן לעצטן פרילינג מיט לאקאלע פילאנטראפישע שותפים און די שטאט פון בופאלא, וועלכע שטעלן צו א קאמבינירטע אינוועסטירונגען פון 180$ מיליאן אין מזרח בופאלא פאר קליינע ביזנעס הילף און הויפט פראיעקטן אזוי ווי אויפלעבן דעם בראודוועי מארקעט און צוריק אויפשטעלן איקאנישע היסטארישע רעסורסן אזוי ווי דער בופאלא צענטראלע טערמינאל, דער מישיגען סטריט אפריקאנער אמעריקאנער ירושה קארידאר, און MLK פארק.

LISC-NY איז איינגעפונדעוועט געווארן אין 1980 און איז די ניו יארק בראנדזשע פון א נאציאנאלע נישט-פאר-קיין-ריווח ארגאניזאציע וואס פארזארגט אונטערשטיצט קאמיוניטיס מיט קאפיטאל, סטראטעגיע, און וויסנשאפט, צו ווערן ערטער וואו נידעריגע און מילדע הכנסות אמעריקאנער קענען בליען.

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "אין דער צייט נאך די מאסן שיסערייען אויף דזשעפערסאן, האבן מיר אליין געזען דעם כוח פון דער קאמיוניטי, און וואס מיר קענען אויפטאן ווען מיר קומען זיך צוזאמען. אצינד, נייטיגן מיר זיך אז די קאמיוניטי זאל זיך צונויפזאמלען נאכאמאל צו מאכן זיכער אז די קליינע ביזנעסעס ווייסן אז עס געפונט זיך הילף. דער איינציגער וועג ווי אזוי מיר קענען פארשאפן די 3$ מיליאן אין קריטישע סטעיט הילף צו די הענט פון די קליינע ביזנעס אייגנטימערס וואס נייטיגן זיך באמת אין דעם, איז צו מאכן זיכער אז זיי ווייסן אז עס עקסיסטירט בכלל. מיין אפיס שטייט גרייט צו העלפן מענטשן נאוויגירן די אפליקאציע פראצעס אז זיי זאלן קענען פארפעסטיגן די הילף וואס זיי נייטיגן זיך דערין צו בלייבן פארווארצלט און אונדזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מאיאריטעט-פירערין קריסטל פיפעלס-סטאוקס האט געזאגט,**"איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן פארבייטן ווערטער אויף אקציעס פאר די 3$ מיליאן אין מזרח-זייט קליינע ביזנעסעס הילף ארום דעם דזשעפערסאנס קארידאר. ביזנעסעס אין דער געגנט האבן מיטגעמאכט קאוויד, א זייער טראגישע מאסן שיסעריי, און איין מאל אין א דור זאווערוכע וואס האט גורם געווען מאסיווע שאדנס צו בנינים. מענטשן, קליינע ביזנעסעס און געגנטער דעפינירן קאמיוניטיס. אונדזערע קאמיוניטיס האבן היפש געברויכן און עס וועט נעמען ווייטערדיגע כללות'דיגע באמיאונגען פון ביוראס אזוי ווי עמפייער סטעיט אנטוויקלונג איבערצולאזן א פאזיטיווע אימפאקט, מיר אפלאדירן אייער שותפות."

**אירי קאונטי עקזעקוטיווע מארק סי. פאלאנקארז האט געזאגט,**"קליינע ביזנעס איז דאס לעבנסבלוט פון אונדזער עקאנאמישע סעקטאר, און דער מזרח בופאלא קליינע ביזנעס אויסקער קאפיטאל גרענט פראגראם וועט העלפן קליינע ביזנעס אייגנטימערס אין בופאלא זיך צוריק כאפן נאך דאס מאסן-שיסעריי לעצטע יאר. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייעוודיגע פאקוס צו העלפן אונדזער קאמיוניטי."

**סיטי פון בופאלא מייאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסעס אין דער געגנט זענען געווארן דירעקט אימפאקטירט ביי דעם 5/14 ראסישע מאסן שיסעריי. די גרענט פינאנצירונגען וועלן מצליח זיין צו העלפן די געשעפטסלייט. איך בין זייער דאנקבאר צו גאווערנער קעיטי האקול פאר איר ווייטערדיגע שטיצע פון מזרח בופאלא, און אונדזער קאמיוניטי בכלל."

**__וועגן LISC NYC__**

LISC NYC איז דער פירגייער ניו יארק סיטי אפיס פון די לאקאלע איניציאטיוון שטיצ-קארפעראציע (LISC). LISC NYC שטיצט לאקאלע פארטנערס וועמענס סערוויסעס און פראגראמען צילן צו באשאפן

א מער יושר'דיגע, ארייננעמיגע און אויסהאלטעוודיגע ניו יארק סיטי. זינט 1980, האט LISC NYC אינוועסטירט איבער $3.1 ביליאן און אויסגעקויפט מיט געבארגטע געלט נאך $7.6 ביליאן אין שטיצע פון נידעריגע-הכנסה קאמיוניטיס. LISC NYCs אינוועסטירונג סטראטעגיע איז געפירט דורך א גלייבונג אז ס'איז געקומען די צייט צו באשאפן א צוקונפט וואס מעקט אפ די ראסישע רייכקייט ריס אויף אייביג, שטיצט צוטריטלעכע דירות, און בויעט געגנט פון ווערדיגע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער.

###


נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן